גוט שבת אלע אידן. עס איז געווען אין בערך דאס יאר תרפ"ה אין ירושלים עיר הקודש. דעמאלט האט געשטורעמט א גרויסע מלחמה צווישען די ציונים און די ערליכע אידן. דער הויפט פון די ערליכע אידן איז געווען דער צדיק הרב ר' יוסף חיים זוננפעלד זצ"ל וואס איז געווען א תלמיד פון דעם כתב סופר זצ"ל.

איין טאג איז דער הויפט פון די ציונים געווארן קראנק, ל"ע. דעמאלט זענען געווען בעיקר צוויי שפיטעלער אין ירושלים. איינער פון זיי איז געווען די בריטיש מיסיאנערישע שפיטאל. יענע שפיטאל איז געפירט געווארן דורך גלחים וואס זייערע עיקר ציל איז געווען צו שמד'ן אידן רח"ל דורך געבן טיפול בחינם דורך גויאישע דאקטוירים פון חוץ לארץ. נאר אידן האבן געמעגט נוצן יענע שפיטאל וואס איז געווען פיל מיט גלחים, ימ"ש. לעבן יעדען בעט דארט איז געווען דער קאטולישער בוק, רח"ל און אויף יעדע וואנט איז געווען א צלם וכו'. די עדה החרדית האט דעמאלט געאסרט אריינצוטרעטן אין יענעם שפיטאל צוליב זעלבסט-פארשטענדליכע סיבות. פארשטייט זיך אז יענער ציוני איז דווקא געגאנגען צו יענע גויאישע שפיטאל.

נאך בערך פיר וואכן אבער, איז דער מצב פון דעם פרייען איד נאר ערגער געווארן, און די דאקטוירים האבן אפילו געזאגט אז ער וועט נישט איבערלעבן דעם קרענק. די משפחה פון יענעם איד האבן זיך אנערגעקענט אז די איינציגסטע דאקטוירים וואס האבן געקענט העלפן דעם חולה זענען געווען די דאקטוירים ביי די אידישע "שערי צדק" שפיטאל.

דער שערי צדק שפיטאל איז געגרונדעט געווארן דורך די היימישע קהילה. זייערע דאקטוירים זענען באקאנט געווארן אלס די בעסטע דאקטוירים אין ארץ ישראל, בפרט דער הויפט דאקטור דר. משה וואלאך ע"ה. די משפחה פון דעם חולה האט מורא געהאט אבער אז שערי צדק וועט נישט אריינלאזן זייער קרוב ווייל יענער האט נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם חרם קעגען די מיסיאנערישע שפיטאל.

די משפחה האט זיך מיישב געווען איז די איינציגסטע האפענונג וועט זיין דורך רעדן מיט ר' יוסף חיים שליט"א וואס איז באקאנט געווארן פאר זיין ליב האבן יעדען איד, אפילו די ציונים! די משפחה האט באשטעלט עמיצען, א שליח צו גיין רעדן מיט דעם צדיק.

בשעת דער שליח, וואס איז געווען א יונגער מענטש, איז געגאנגען אויפן גאס צו דעם רב'ס הויז אין דעם אלט שטאט, האט זיך אנגעהויבן א שטארקע רעגן. נאס אין קאלט, איז דער שליח סוף כל סוף אנגעקומען צו דעם צדיק'ס הויז, וואו ער האט געטראפן דעם צדיק אריינגעטון לערנען א סוגיה. דער שליח האט זיך אנטשולדיגט פארן רב פארן קומען אזוי פלוצלינג. דאן האט דער שליח דערציילט דעם גאנצען מעשה.

ווען ר' יוסף חיים האט געענדיגט הערן דעם מעשה, האט ער שנעל פארמאכט זיין ספר און ער האט אנגעטון זיין מאנטל, גרייטענדיק צו גיין צום שפיטאל. אין דרויסן האט געשטורעמט א שטארקע שטורעם, און יענער שליח האט געהאלטן אז עס פאסט נישט פאר דעם רב ארויסצוגיין אין דעם שווערען וועטער. דער שליח איז געשטאנען אין דעם אריינגאנג נישט וועלענדיג לאזן דעם רב ארויסגיין.

"איך האב נאר געבעטן א בריוו פונעם רב, נישט אז דער רב זאל אליינס קומען!" האט דער שליח געזאגט. ר' יוסף חיים האט געענטפערט, "ווען עס האנדלט זיך פון א אידישען לעבן, א בריוו איז נישט גענוג. איך וויל פערזענליך ערלעדיגען די ריזיגע מצוה!" און מיט די ווערטער איז ער שוין ארויסגעגאנגען פון שטוב.

דער שליח האט דערציילט ווי דער רב איז ממש געלאפן צו טון די מצוה, אפילו עס האט גערעגענט נאך שטערקער. ווען דער שליח האט געבעטן פון ר' יוסף חיים אז ער זאל כאטש ווארטען אפאר מינוט ביז דאס רעגען וועט זיך אפלאזן אביסל, האט ר' יוסף חיים געזאגט צו אים "צו דען קענען אפאר טראפן וואסער מיך צוריקהאלטן פון ראטעווען א אידישען לעבן?!?"

דער שליח, וואס איז געווען בערך פופציג יאר יונגער פון ר' יוסף חיים (וואס איז דעמאלט געווען בערך פונף און זיבעציג יאר אלט) האט קוים געקענט מיטהאלטן מיט ר' יוסף חיים וואס איז ממש געלאפן דעם גאנצן וועג. ווען די צוויי זענען אנגעקומען צו שער יפו (דער הויפט ארויסגאנג פון אלט שטאט), האט דער רב באשטעלט א פערד און וואגן צו פירן זיי ווי שנעלער צו שערי צדק. אין דעם וואגן האט דער רב ארויסגענומען א אלטע תהלים און ער האט גענומען זאגן מיט א ברען. דער שליח האט דערציילט אז די שכינה האט געשיינט אויף ר' יוסף חיים'ס פנים בשעת ער האט געדאווענט.

ווען די צוויי זענען אנגעקומען צו שערי צדק, האט ר' יוסף חיים שנעל ערלעדיגט דעם אריינעמען פון יענעם ציוני. צוויי וואכן שפעטער איז דער חולה פאלקום געזונט געווארן, ב"ה. זיינע חברים האבן געוואוסט אז יענער וועט זיך אויפרעגן אויב ער וועט געוואר ווערן אז ר' יוסף חיים שליט"א האט געהאט א חלק אין דעם. אזוי ווייט איז געווען יענעמ'ס שנאה קעגען די חרדים, אז אפילו ר' יוסף חיים האט געהאלפן ראטעווען זיין לעבן, וואלט ער נישט געקענט פארנעמען די מחשבה אז זיין "שונא" האט אים געהאלפן.

בקיצור, א יאר שפעטער האט די ציונים געהאלטן א דרשה ערגעץ און עס איז אויפגעשטאנען יענער ציוני וואס האט אויסגערופן מיט גרויס עזות "מיר גיין בויען דעם לאנד (ארץ ישראל) אזוי ווי מיר ווילן, מיט אונזערע כוחות (נישט מיט קיין העלף פון די חרדים.) און מיר גיין בויען דעם לאנד דורך קעמפען א מלחמה צו-דעם-טויט קעגען דעם שווארצען האנט פון רבי זוננפעלד און זיינע חברה!"

זיצענדיק צווישען די צוהערערס איז געווען יענער שליח וואס איז געגאנגען צו ר' יוסף חיים דעמאלט. ווען דער שליח האט געהערט יענעמ'ס חוצפה'דיגע רייד, האט ער זיך אויפגעשפרינגען און געשריגן "אזא חוצפה! ווי אזוי קענסטו רעדן אזוי! דו זאלסט האבן דרך ארץ פאר דעם צדיק וואס האט געראטעוועט דיין לעבן!" דאן איז דער שליח ארויפגעגאנגען אויפן בימה וואו ער האט מסביר געווען צו דעם עולם ווי ר' יוסף חיים האט אזוי שטארק מטריח געווען צו העלפן ראטעווען דעם לעבן פון דעם זעלבן ציוני וואס האט געוואלט אזוי שטארק קעמפען קעגען דעם צדיק!

ר' יוסף חיים זצ"ל איז געווען אן עכטער צדיק, איינער פון די גדולי הדור אין יענע דור. יעדער דור האט זיינע מנהיגים און מיר מוזן זיי פאלגן. דער ענין איז אפשר מרומז אין די פרשה די וואך, ווען עס שטייט, "...ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה השם את משה כן עשו." און די אידישע קינדער האבן געטון אלעס וואס השם ית"ש האט באפעלט משה, אזוי האבן זיי געטון. לכאורה, וואלט מען געקענט מיינען אז די אויספיר פון דעם פסוק איז איבעריג, "כן עשו" – אזוי האבן זיי געטון, ווייל די פסוק האט שוין געזאגט "ויעשו בני ישראל" וכו'. אפשר, מיינט די פסוק צו מרמז זיין אויף דעם וויכטיגקייט פון פאלגען גדולים. די אידישע קינדער האבן פונקטליך געפאלגט משה ווען עס איז געקומען צו מאכן די בגדי כהונה און בויען דעם משכן. און דורך דעם זענען די בני ישראל זוכה געווען צו השראת השכינה אין די משכן.

דורך פאלגען אונזערע מנהיגים, אונזערע רבוה"ק, קענען מיר אלע זוכה זיין צו קענען מקיים זיין די הייליגע תורה ווי עס דארף צו זיין, ווייל "לא בשמים היא" וכו'. און דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו לעבן מער שמחה'דיגע לעבנס. גוט שבת אלע אידן.

לע"נ ר' דוב בער בן ר' חיים ע"ה • כ"ו אדר תשי"ח
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**